העפטל 22 3 פענס

# פסח הויי־יאר

א. נ. שטענצל

אפריל 1942 לאנדאן־ווייטשעפל

---

## אליהו הנביא

אז קיין פויער טאָר אין געטאָ נישט אַריינקומען,
טאָ ווי אַזוי קאָן אליהו זיך באַווייזן?
אין אַ סערמינגע מוז ער דאָך גיין אָנגעטון
און שווער אין אַ פאָר פויערישע שטיוול שפּרייזן:

דאָ אַ מאַנדל אייער פאַרגעסן אין אַ קיישל,
דאָרט אַ זאַק קאַרטאָפל פאַרלירן פון וואָגן,
און צו אַ שניידער מיט גלאָמעוועטע אויגן,
אָן אַלטן חוב, אַ פאַרגעסענעם אַריינטראָגן?

נו, מוז ער זיך הייאָר פאַר אַ ייד פאַרשטעלן,
אין יידישע הייזער אַריינקומען צו קענען,
מיט מצות, מיט אייער, מיט אַ הינדל צומאָל,
איידער נאָך מ׳וועט דאָס חמץ פאַרברענען.

און איז נישט בעסער אליהו אין אַ יידן,
איידער אין אַ פויער זיך צו פאַרשטעלן!
אַ גוי קאָן אַמאָל, דווקא, נישט אַ זאַק קאַרטאָפל —
אַ טויטן ממזר גאָר פאַרהלירן זיך וועלן —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

און ביי „שפוך חמתך“ ביים עפענען די טיר,
אַז אַ פאַרשטעלטער פויער וועט זיך באַווייזן,
יין־נסך ווערט דאָך אין כוס דער וויין,
און חמצדיק אַלע סדרדיקע שפייזן — —

אָ, איז דאָס נישט שוין אַן אַתחלתא דגאולה,
אַז אליהו מוז זיך פאַר אַ יידן פאַרשטעלן,
אַז ווער ווייסט ווער און ווער קאָן וויסן ווען — — —
מוז דאָך אונז שוין יעדער ייד איצט געפעלן.

# א מכירת-חמץ באלאדע

אַ נס אַז אַ כזית ברויט נישט מער ס'איז פֿאַרהאַן,
ס'זאָל אויף נאָך פסח קענען איבעריקבלייבן,
וואָרעם קיין גוי איז דאָך אויף אַ רפֿואה נישטאָ,
ועמען מ'קאָן דאָס חמץ הייאָר פֿאַרשרייבן.

אַז נאָר אַזעלכע נסים בלויז טוסט נאָך באַווייזן,
האַלט עס שמאָל, גאָטעניו, מיט דיין גאַנצער בריאה — —
שטייט דער רב פֿאַרמוטשט איבער דער ספֿרים־פּאָליצע,
זשמורעדיק אַלץ שאַרפֿער זיין נידריקע ריאה :

אַ פּנים אַז נישט אין אונזער נויט אונז צו העלפֿן,
צו פֿאַרפּייניקן האָסט דו אונז אויסגעקליבן — —
און ווי ער טראַכט אַזוי גיט זיך די טיר אַן עפֿן,
און דער רב איז צום צייכן פֿאַרשטיינט געבליבן !

פּאַוול, דער שבת־גוי, איז פֿלינק אַריינגעלאָפֿן,
ס'חמץ ווי אַלע יאָר געקומען אָפּקויפֿן :
„ס'איז דאָך דער יידישער פּאַסכאָ די טעג, ראַבין,
דורך אַלע וואָכן כ'בין געקומען צו לויפֿן !"

איז דער רב אין אַ יאָמער־געוויין אויסגעבראָכן :
„פּאַוול, כ'האָב גאָר נישט אין חמץ צו פֿאַרשרייבן,
אַז קיין פּיצל ברויט ביי אַ ייד אין שטוב איז נישטאָ,
אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר — וועסט דו עס גלייבן ?"

האָט פּאַוול, דער שבת־גוי, אַ שטיק קאָרענע ברויט
פֿלינק פֿון אונטער דער פּאַכווע אַרויסגעצויגן :
„ראַבין, אַ פּרוטה ביי דער נשמה האָב איך נישט,
אָבער דאָס־אָ פּאַר אַ נאַד'ראויף וועט עס טויגן ?

גאָט, נישט בלויז אַ דין ברעכט אַ יידישער מנהג,
ער קאָן אַדורכברעכן אַלע געטאָ־צוימען — —
אַז חמץ הייאָר צו פֿאַרקויפֿן ס'איז געלונגען,
וועט דאָך משיח אויף אייביק זיך נישט פֿאַרזוימען — —

האָט דער שבת־גוי, פּאַוול, געמאַכט די דריי קרייצלעך
און דער רב אונטערגעחתמעט זיין : „הקטן — — "
נישט אַ שטר־מכירת־חמץ זיי האָבן געמאַכט,
„כעפּרא דארעא" פֿאַרשריבן הייאָר דעם שטן —



# אזא מאטיוו הייאר

(דעם דיכטער ישראל שטערן אינדערהיים)

מיט צעפּלאַטערטע פֿליגעלעך מיט צאַרטע,
ס'וואָלט דער הימל צעשוועבט אַזוי ברייט, אַזוי בלוי,
און אין זייערע הערצער דאָס פֿלאַטערן
עס רייסט זיך צום הימל אין אַ פֿינסטערן אוי.

זיצן זיי אַרום אים, צונויפֿגעשאַרטע,
דאָס שווייגן פֿון זיינע ליפּן האַלט זיי צוזאַם,
די געשרייען אין זיי, זייערע טרערן,
ער זאַפּט'ס אין זיך איין, ווי אַ זייגנדיקער שוואָם.

דאָס שטילע טליען אין זיין וואַרעמען בליק,
און ווי צונויפֿגעקוועטשט זיין האַרץ פֿון זייער לייד !
נאָר וואָס העלפֿן דען ווערטער, די גליאיקסטע,
און צומאָל די ליבליכסטע טוליענדיקסטע רייד !

אָבער שווייגן קאָן דאָך אַזאַ מנוחה זיין,
איינצושטילן שוין דאָס אָנגעווייטיקטסטע געמיט,
אַ, ווי פֿון זייער צער, ווי פֿון זייער נויט,
דאָס אָנגעזאַפּטע האַרץ זיך אים צוזאַמענציט.

און פֿון זיינע אויגן טריפֿט עס פֿינקלדיק,
ליכטיק אַזוי אין זייערע הערצער אַריין
נישט וואָרט, נישט קלאַנג — אַ שטילע פֿאַרשוויגנקייט,
אַ טרייסט אַזאַ אַלצדינג שוין צו קענען פֿאַרשטיין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיצן זיי אַרום אים, צונויפֿגעשאַרטע,
אַן איינציקער מענטש זיי וואָלטן אַלע געווען,
אין זיין טליעדיקן טוליעדיקן בליק,
זיי וואָלטן זיך אָנצינד צום ערשטן מאָל דערזען —

אַ געוועלטיקער סוד ס'איז דאָס לעבן,
אים צו דערהערן ס'האַרץ צומאָל מוז ווערן שטיל !
פֿלאָטערט ער נישט איצט איבער זייערע קעפּ,
אין דעם ציטערדיק לויטערן פֿויגלישן טריל ?

שוועבן זיי נישט אַלע אַ סוד איצט אַרויף,
אין דעם הימלישן אין דעם אומענדליכן בלוי,
און די טשוויטערדיקע פֿייגל זיינען דאָס
זייערע פֿלאַטערדיקע הערצער מיט זייער אוי ?

# ערב־פרילינג פערזן

„כי הנה הסתו עבר הגשם חלף הלך לו"

1

קאָן זיך דען די זין פון דער ערד באַהאַלטן,
אונטער כמאַרעס ווי גרויס ז׳זאָלן נישט זיין — —
יאָ, ווו זאָלסט נישט זיין, און וואָס נישט איצט טראַכטן,
פון מיין האַרצן אַרויס כ׳וועל דיינס פאַרשטיין.

מיך שרעקן נאָר יענע ערשטע פרילינג טעג,
וואָס וועלן שיינען מיט אַזויפיל זון — —
און צווישן אונז אַלץ וואַקסנדיקע כמאַרעס,
און נישט פאַרשטיין כ׳קען דעם באַדייט דערפון.

2

ס׳קריכן שוין די שלענגלעך פון דער ערד אַרויס,
און אַ גרעזל, אַ בלעטל ווו נישט ווו — —
בין איך דאָס אפשר דאָס שלענגל פון דיין האַרץ,
און פון מיינעם אַרויס דאָס בלומל — דו ?

ס׳בלוטיקט דער הימל אויף שאַרף פון אַ גרעזל,
וואַשנדיק זיך ריין אין קראָקאָס פול טוי — —
און די ערד מיט שלענגלעך צעטרעטענע,
אפשר לויטערט זיך איר פיין גאָר אַזוי ?

3

באַלד בליען די בעז־ביימלעך לילאַ אַזוי,
און די מאַנדל־צווייגלעך ציטערדיק צאַרט,
ס׳דערמאַנט זיך דער ערב־פרילינג דעמלט,
ווען כ׳האָב ציטריק יעדן טאָג אָפגעוואַרט.

און קאָן אַ טרויער נישט זיין לילאַ אַזוי — —
באַלד בליט דאָך דער מאַנדל־צוויט און דער בעז !
אָדער וועל איך דיך ווידער איצט אָפוואַרטן ?
איז עס דען דעמלט נישט געווען אַ נס ?

4

דאָס וווּנדערליכע צווישן הימל און ערד,
דאָס וווּנדער אין יעדן גרעזעלע גרין,



אין יעדן צווייגל וואַרטנדיקער ציטער — —
אָ, מיט מיין טרויער אַצינד וואַהין ?

אַז יעדעס בלוי־אויפגייענדיקע בלימל
אין דיין אויפקנאָספנדיקן בליק דערמאַנט,
יעדעס פאָכנדיק נאָך באַקעטע צווייגל —
ביים טרעפן זיך, דיין ווינקנדיקע האַנט.

5

ווי געוואַלטיק מוז דאָס זיין אַ בענקעניש,
אַז נאָך דער טרויער נאָך אים אַזוי גרויס ;
און אפשר איז שטעכיקער גאָר דער דאָרן,
ווי אויף אים, די ליבליכקייט פון דער רויז ?

צווישן הימל און ערד די אַלע וווּנדער,
די דערנדלעך שפּראָצן זיי דאָס אַרויס !
אפשר די בלוטיקע, די אָפענע וווּנדן,
דאָס־אָ איז דאָס די גאַנצע שיינקייט בלויז —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

6

אין ערשט אַז די שוועלבלעך וועלן אָנפליען
מיט זייער געציטער אַזוי אָן אויפהער — — —
דער גאַנצער הימל וועט העגנען מיר אין בליק,
צו דר׳ערד אַן אַראָפּפאַלנדיקע טרער —

אין נישט נאָר מיין האַרץ, אָ, און נישט נאָר דיינס בלויז,
אַלע הערצער כ׳וועל דעמלט שוין פאַרשטיין !
און דאָס־אָ איצט, וואָס צווישן מענטש און מענטש,
ס׳וועט אַלצדינק אַזוי שוין פאַרשטענדלעך זיין —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

## „מי כמוך נאדר בקודש“

אינם גליווער פון אונזער פאַרגאָסענעם בלוט
מיר מוזן איצינד געראַטעוועט ווערן;
אין זיינע תהומישע אָפּגרונטן אַ ים
ס׳איז דער אויפברויז פון די זידיקע טרערן.

ווי זיי יאָגן דאָס ווילד די כוואַליעס איבער אונז,
אָן איינציקע רגע נישט אויפצוהערן — —
יאָ, ס׳איז דאָס בלוט, דאָס בחנם פאַרגאָסענע,
אַ שטורעמדיקער ים זיך איבערצוקערן!

איבער די ברעגעס דאָס וואַרפן זיך דאָס שוימען —
אָ, דאָס גסיסה־כאָרכל ס׳וועט נישט אויפהערן,
ביז יעטווידער טראָפּן בלוט, הייליק און ערלעך,
מיט זיין לויטערקייט אויפגעבראָכן ווערן.

## אזא כשר-קעסל ס׳איז דער ערד-קיילעך

אַזאַ כשר־קעסל ס׳איז דער ערד־קיילעך,
דער שוימיקער ים ס׳קאָכיקע וואַסער דערין;
די אַריינגעוואָרפענע כשר־שטיינער —
אַ טאַרפעדאָ געשליידערט אַהער און אַהין!

אַז נישט אויפהערן צו זידן ס׳זאָל דער קעסל,
גליאיקע גלאָוונעס כסדר אונטערגעלייגט —
ווי ס׳רייסן דאָס אויף די מינעס אָן־אויפהער,
און איבער די ברעגעס ס׳וואַסער איבערגייט.

אָ, נישט גאָפּל־מעסער, נישט טעפּל־לעפּל,
מיר זיינען עס, וואָס מוזן ווערן איצינד ריין!
יאָ, די זון אויבן איבער אונזערע קעפּ
פאַלט באַלד אַריין אַ גליאידיקער כשר־שטיין —

ווי ברויזנדיק שוימענדיק ס׳מוז דאָס קאָכן,
אַז פאַנצער־שיף, קרייצער — אַ שטיקל געשיר!
הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען לעבענס —
כלים קליינע געקניפּטע אויפן „כשר־שנור“ —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נישט אויפהערן זידן ס׳וועט דער קעסל,
ביז מיר אַלע וועלן געריינִיקטע אַרויס,
ביז פונם שלעכטס, איינגעפרעסן אינם מענטש,
ס׳וועט נישט איבריקבלייבן אַ משהו די גרויס.



## א קרבן-פסח באלאדע הייאר

(פאַר די זאַקלאַדניקעס אין די נאַצי־לענדער)

I

פאַרשוויגן און פול ס׳איז יעדן איינעמס האַרץ —
אָן אָנגעגאָסענער כוס צום איבערגיין!
און דער געפונקל פון זייערע בליקן,
מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן געוויין.

אַרום אַ געדעקטן סדר טיש אַזוי,
אָנגעלענט אויף אַ ווייכן הסב־בעט?
קיינער זעט קיינעם נישט — פון דער טונקלניש,
פון אַ נאַרע אַראָפּ איינער פון זיי רעדט:

„אויב אַ מענטש קאָן זיין אַ משכן פאַר אַ צווייטן,
זיינען דאָך די מענטשן נישט מער אַליין — —
און איז דאָס נישט אַ הייליקער אַזאַ יום טוב,
אַז מיט אייגענעם טויט מ׳קאָן ס׳לעבן פאַרשטיין — —

„איז נישט קיין מצה אויף אַ סדר־שיסל,
איז נישט קיין ווײַן אין אַ קריסטאָלענער קרוג,
אָבער אונז אַלעמען דאָ אויסצוקוילענען,
איין אונטערגעוואָרפן בלבול איז גענוג;

„ני, ברויכן מיר אַ זכר לקרבן נאָך,
צי געריבענעם ביטערן מרור־כריין,
אַז יעדעס האַרץ — אַ כזית ביטערניש!
און דער געבונדענער קרבן — מיר אַליין —“

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

II

געוועזן ס׳איז פונם גרויסן שטיל־שווייגן,
זיי האָבן נישט געהערט ס׳עפענען פון טיר?
אָבער ביז יעדער נאַרע צוקומענדיק,
ס׳האָט יעדער געשפּירט אַזאַ קאַלטן באַריר —

יאָ, ס׳איז פון „שפוך חמתך״ אַצינד די שעה,
און אליהו הנביא קומט צו גיין — —
ס׳האָבן די פינסטערע נאַרעס צעפונקלט,
פון אַזאַ איינגעהאַלטענעם פלינקן שיין ;

נישט אַ זכר־לקרבן שטיקל „זרוע״ — —
אָ, און נישט אַ „כן עשה הלל״ צומאָל — —
און זוען דורך די גראַטעס אַריין ס׳איז די זון,
זי האָט אָפּגעציילט פון די נאַרעס די צאָל —

אויף יעדער — אַ געקוילעטער געלעגן !
און נישט נאָר באַשפּריצט די פיר־ווינקלען אַליין,
די גאַנצע נאַרע מיט זיין בלוט באַגאָסן,
לדור־דורות אַזאַ זכר אויפצוגיין — — —

ניין, נישט די זון — אַ קיילעכיקע מצה,
צוצועסן ביים קרבן ווי ס׳איז דער דין,
און אַן אַפּיקומן, אין אַ ווינקל דאָ,
בלייבן הענגען אין דעם פינסטערן געשפין

— — — — — — — — — — — — — — — — —

III

און ווען דורך די גראַטעס אַרויס ס׳איז די זון,
זי האָט געלויכטן מיט אַזאַ מאָדנעם שיין,
אַ פאַרשעמטן אַזאַ, אַ פיבערדיקן,
איילנדיק זיך, וואָס שנעלער אונטערצוגיין.

יאָ, זי וואָלט געווען דאָס שפּריצעדיקע בלוט,
איבער ביישטידלעך דער שפּרענקלדיקער שמיר,
האָט זי אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג,
אַראָפּגעטריפט אַזוי פאַר יעטווידער טיר —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

Printed by I. Narodiczky, (T.U.), 129/131 Cavell St., London, E.1.